פרשת ראה ||| שנת תשפ"ג לפ"ק ||| גליון ט"ו ||| שנה א'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"הבינו להשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

**פטרון סדר דברים**
הרוצה בעילום שמו
**לטו"נ הרה"ק רבי אלעזר**
**בן הרה"ק רבי אלימלך זי"ע מריישא**

## בך בטחתי

**וקוי ה' יחליפו כח;**
דער בוטח בה' ווערט קיינמאָל נישט פאַרמאַטערט

**יום ראשון פנחס, י"א תמוז תשע"ט**

א

## צדיקים ככפיר יבטח; דו קענסט טאַקע נישט אליינס, אָבער דער רבוש"ע גיט די כוחות

### דער יסוד פון דעם 'רבינו בחיי' אין בטחון

ביז יעצט האָט אונזער רבי, דער 'בעל חובת הלבבות', געלערנט מיט אונז דעם ערשטן יסוד, אַז די וויכטיגסטע זאַך צו קענען ריכטיג מקיים זיין תורה מיט מצוות איז צו האָבן אמת'ע אמונה און בטחון. אין די פאָריגע שיעורים איז אַביסל אויסגעשמועסט געוואָרן פאַרוואָס ס'איז טאַקע אַזוי, אַז בטחון איז ממש דער שורש וואָס נאָר אַזוי קען מען אָנהייבן אַלע מצוות.

אין אָנהויב פרשת פנחס איז דאָ אַ מורא'דיגער שטיקל פון 'רבינו בחיי' - דאָס איז נישט פון דעם 'בעל חובת הלבבות', נאר דער 'רבינו בחיי על התורה' וואָס איז געווען אַסאַך יאָרן שפּעטער - וואָס **די ווערטער מאַכן ממש ליכטיג די גאַנצע סוגיא**, און עס קען גענצליך משנה זיין אונזער גאַנצע צוגאַנג צו תורה ומצוות מיט אַ נייע דערהער.

### אַנערקען אין די כוחות וואָס דו האסט פון דעם אויבערשטן!

דער 'רבינו בחיי' רעדט דאָרט אַרום וועגן פנחס, אַז ער האָט געהאַט דעם געוואַלדיגן שטאַרקייט און מסירת נפש צו גיין הרג'נען זמרי, פאָרנט פון אַזויפיל מענטשן. און דער רבינו בחיי זאָגט אַז **אַ מענטש קען נישט הייסן מיט'ן נאָמען 'צדיק' נאר אויב אויב ער איז זיך בוטח אין דעם אויבערשטן**. אזוי ווי שלמה המלך זאגט אין משלי (כח, א): "**וְצַדִּיקִים כִּכְפִיר יִבְטָח**", צדיקים פאַרלאָזן זיך אויף השי"ת אַזוי ווי אַ 'כפיר' - דאָס איז איינס פון די לשונות פון אַ לייב.

פונקט ווי אַ לייב ווייסט זיינע שטאַרקע כוחות, און דעריבער האָט ער נישט קיין מורא פון קיינעם, ער האָט די קוראַזש צו אַרויפטאַנצן אויף אַנדערע בעלי חיים און זיי פאַרצוקן ווייל ער ווייסט ביי זיך אַז ער איז שטאַרקער פון זיי. **דאָס זעלבע ווייסט יעדער צדיק וואָס פאַראַ כוחות ער האָט, ווייל 'דער אויבערשטער איז מיט מיר'!** דאָס גיט אים דעם מוט און שטאַרקייט צו טון וואָס מען דאַרף טון!

זאָגט דער **'רבינו בחיי'** ווייטער, אַז דער צדיק לויפט און איז זיך משתדל מיט מצוות, מיט דעם זעלבן מהלך ווי דער 'כפיר', ווייל ער ווייסט אַז דער אויבערשטער גיט אים די כוחות! דער צדיק ווייסט אַז עס האָט גאָרנישט צוטון מיט וויפיל גשמיות'דיגע און פיזישע כוחות ער האָט! ווייל **אויב אַ מענטש גייט מקיים זיין די תורה און מצוות לויט זיינע כוחות, האָט ער זיך יעצט פאַרלאָזט אויף זיך אליינס**, דעמאָלט וועט דער אויבערשטער אים אָפּלאָזן און זאָגן: "נו נו, אויב דו שפּירסט אַז דו האסט אליינס די כוחות דעמאָלט פּרוביר"... **דערפאַר זענען די צדיקים זיך נישט בוטח אויף זייערע כוחות**, זיי זענען זיך בלויז בוטח אַז דער רבוש"ע וועט זיי געבן די כוחות צו מקיים זיין זיינע מצוות בשלימות!

### די תורה'דיגע תשובה אויף דעם געפיל פון "איך ברעך ממש אונטער"

די הייליגע ווערטער עפּענט אונז אויף אַ נייע הבנה אין לעבן: צומאָל שפּירט אַ מענטש אַז ער האָט פשוט נישט גענוג פיזישע כוחות צו קענען אָניאָגן אַלעס וואָס ער דאַרף טון אין עבודת ה'. ער וואונדערט זיך, וויאַזוי קען מען פאָדערן פון אים אַזויפיל, בשעת ער איז אויסגעשעפּט פון כח, כוחות הגוף אָדער כוחות הנפש. זאָגט אים דער רבינו בחיי: "קוק אַריין אין די פּסוקים פון משלי, וועסטו זען אַז שלמה המלך רעדט שוין דערפון".

דאָס איז אַסאַך מאָל זייער אַקטועל ביי די נשים צדקניות וואָס זענען אַזוי פאַרנומען מיט די קינדער, בייטאָג און ביינאַכט. ווער רעדט נאָך אויב זיי זענען אויך עוסק אין פרנסה צו העלפן דעם מאַן לערנען, אודאי דאַרף מען אויף יעדע זאַך האָבן אַ קלאָרקייט מיט אַ מורה דרך, אָבער וויפיל מאָל איז דאָ דער געפיל: "איך שפּיר אַז איך ברעך אונטער, וויפיל כוחות קען איין מענטש האָבן".

אויף דעם איז אונז דער רבינו בחיי מגלה אַז 'מען קען טאַקע נישט'! **האסט געמיינט אַז דו קענסט זיך פאַרלאָזן אויף דיינע אייגענע כוחות צו אָניאָגן אַלעס וואָס פאָדערט זיך?!** ניין, נישט אַלעמאָל האָסטו די כוחות! איז אויב אַזוי וואָס זאָל מען טון?! **דער אויבערשטער וועט דיך געבן כח!** און ווען השי"ת גיט דאָס, איז דאך זיינע כוחות אומבאַגרעניצט!

### דער רבוש"ע גיט נייע כוחות נישט צו ווערן אָפּגעשוואַכט

דער רבינו בחיי ברענגט דאָרט דעם באַקאַנטן פּסוק - וואָס מיר אַלע קענען אָבער נישט אַלעמאָל זענען מיר זיך מתבונן דערינען - דער פּסוק פון ישעי' (פרק מ', לא): "**וְקוֹיֵ ה' יַחֲלִיפוּ כֹחַ, יַעֲלוּ אֵבֶר כַּנְּשָׁרִים, יָרוּצוּ וְלֹא יִיגָעוּ, יֵלְכוּ וְלֹא יִיעָפוּ**". דאָס איז טייטש אַז אַ מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן, איז אים דער רבוש"ע מחליף זיין כח, ער גיט אים אַז ער זאָל האָבן גרויסע כוחות, ער וועט קענען פליען אַזוי ווי אַן אדלער, וואָס פליט זייער לייכט, ער וועט קענען לויפן אָן ווערן פאַרמאַטערט, ער וועט קענען גיין אָנדעם וואָס ס'זאָל אים באַפאַלן אַ מידקייט פון דאָס גיין.

**אותיות מחכימות** — רבינו בחיי, במדבר כ"ה פסוק יא

וידוע שאין אדם נקרא צדיק אלא הבוטח בו, כענין שכתוב: (משלי כח, א) "וצדיקים ככפיר יבטח", כי כל אחד מהם (מהצדיקים) בוטח בשם יתעלה ככפיר (אחד משמותיו של האריה) הבוטח בכוחו, ולימדך הכתוב כי הצדיק ירוץ בביטחונו להשתדל במצוות ויעבוד את ה' יתברך לילה ויום, ויטרח לכבוד שמו ולא ילאה, כי נפשו השכלית תאמצהו ותוסיף בו כוח.

וכן אמר הנביא (ישעיה מ, לא): "וקווי ה' יחליפו כוח, יעלו אבר כנשרים, ירוצו ולא ייגעו, ילכו ולא ייעפו". ביאור זה כי יטרחו טורח גדול ולא ייגעו, כי יש מצוות צריכות טורח גדול ועמל יתר, כגון פדיון שבויים והצלת נפשות שהם מצות שצריכות זריזות גדולה, ועל זה אמר: "ירוצו ולא ייגעו", ירצה לומר כי הצדיקים מחליפין כוח וגבורה בעבודה ובמצוות ועל כן אינם נלאים, וזהו שכתוב (שופטים ה, לא): "ואוהביו כצאת השמש בגבורתו", המשילם לשמש בגבורתו שאיננו נלאה. וכן יש מצות שהם צריכות שקידה והתמדה כגון תלמוד תורה וקנין מדות היראה, צריך האדם שירגיל עצמו בהם עד שההרגל בהם יחזור לו לטבע, ואמר על זה: "ילכו ולא ייעפו", ולשון "ילכו" מלשון (בראשית יז, א): "התהלך לפני".

איז דער רבינו בחיי מסביר פשט פון דעם פסוק אַז די צדיקים, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף השי"ת, זענען זיך אַסאַך מטריח מיט גרויסע טרחות אָבער **זיי ווערן נישט פאַרמאַטערט!** ס'איז דאָ מצוות וואָס פאָדערן אַסאַך פלאָג און מוטשעניש, ווי 'פדיון שבוים' און 'הצלת נפשות' וואָס מען דאַרף דערצו האָבן אַ גרויסע זריזות. וויאַזוי קען מען דאָס באַווייזן?! **ווייל דער אויבערשטער גיט די כוחות נישט צו ווערן אָפגעשוואַכט און מיד!**

אַזוי אויך איז דאָ מצוות וואָס פאָדערן אַ געוואַלדיגע האָרעוואַניע און התמדה, אַזויווי 'תלמוד תורה', און 'קנין מדות היראה', אָבער אַז מען פאַרלאָזט זיך אויף השי"ת, **דעמאָלט גיט דער אויבערשטער נייע כוחות,** אויב דער מענטש געוואוינט זיך איין דערצו און די 'הרגל' ווערט אים ווי אַ נייע טבע.

## ווען מען האַלט ביים מצב פון 'אין אונים' דעמאָלט איז 'עצמה ירבה'

ווען מען איז זיך מתבונן אין די פסוקים וואָס דער 'רבינו בחיי' ברענגט פון ישעיה, זעט מען אַז די פסוקים געבן אונז ממש אַן ענטפער אויף אַזויפיל שאלות וואָס מענטשן האָבן.

דער פסוק זאָגט דאָרט אַזוי: "**נֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ וּלְאֵין אוֹנִים עָצְמָה יַרְבֶּה, וְיִעֲפוּ נְעָרִים וְיִגָעוּ וּבַחוּרִים כָּשׁוֹל יִכָּשֵׁלוּ**" - דאָס הייסט אַז מען קען זען אַז אפילו יונגע מענטשן, וואָס האָבן נאָך קרעפטיגע כוחות, קענען ווערן אויסגעשעפט פון האָרעוואַניע און פלאָג, זיי קענען נכשל ווערן און נישט מצליח זיין. אָבער 'נותן ליעף כח' - דער רבוש"ע גיט כוחות! 'ולאין אונים עצמה ירבה' - **פאר אַזאַ איינער וואָס ווייסט און אַנערקענט אַז ער איז אַן 'אין אונים', ער קען נישט אליינס,** פאַר אים גיט דער רבוש"ע כוחות מיט שטאַרקייט!

## ערליכע אידן האָבן געדינט השי"ת מיט אומנאַטירליכע קרעפטן

ווען מען לערנט אָפּ די פסוקים כאַפּט מען וואָס דאָ טוט זיך: מיר האָבן דאך אַלע געזען און געהערט פון צדיקים און ערליכע אידן וואָס האָבן געהאַט אַזויפיל כוחות. **זיי האָבן געקענט אויפזיין גאַנצע נעכט**, זיך אָפּרוען ממש אַביסל, און ווייטער אָנגיין מיט אַ געוואַלדיגע פרישקייט; **זיי האָבן געקענט עסן גאָר ווינציג** און ווייטער האָבן די זעלבע התלהבות און חיות; **זיי האָבן געקענט שטיין אויף די פיס ביים דאַווענען אַזויפיל שעות אפילו אין די עלטערע יאָרן**, און אַזוי ווייטער די אַלע עבודת הקודש, צו העלפן אידישע קינדער, פדיון שבוים, הצלת נפשות, וואָס דאָס אַלעס קאָסט 'כוחות הגוף', און באַזונדער אויך 'כוחות הנפש', צו נעמען קוויטלעך און אויסהערן אידישע צרות.

דאָס זעלבע זעט מען נישט בלויז ביי צדיקים פון די פריערדיגע דורות, נאר אַסאַך מאָל אויך ביי מענטשן פון אונזער דור וואָס זיי האָבן די גרויסע כוחות צו אָנגיין מיט זייערע מעשים טובים, און מען וואונדערט זיך: פון וואו נעמט מען אַזעלכע כוחות?!

## די אמת'ע ענטפער אויף דעם וואונדער

ווען מען זעט אַזאַ סאָרט הנהגה ביי צדיקים זענען מיר געוואוינט צו זאָגן: "אָה, דאָס איז אַזאַך וואָס באַלאַנגט צו צדיקים, ס'איז אַן ענין פון מופתים!", אָדער ווען מען רעדט פון ערליכע אידן זאָגט מען: "זיי האָבן אַזאַ חיות פון אַ מצוה וואָס דאָס גיט זיי פרישקייט, דאָס קען נאר זיין ביי ערליכע אידן און פאַרדעם האָבן זיי די כוחות".

ווידעראום ווען מיר זען דאָס ביי אַ פשוט'ער מענטש, זאָגט מען: "דער אויבערשטער האָט אים געגעבן ספּעציעלע ענערגיע. ער האָט באַזונדערע כוחות. נישט יעדער מענטש איז געבויעט אַזוי... יעדער איינער האָט אַן אַנדערע 'תכונת הנפש' און 'כוחות הגוף', ס'איז דאָ אַזעלכע און ס'איז דאָ אַזעלכע".

אָבער צוליב די אַלע סאָרט תשובות לערנען מיר זיך גאָרנישט דערפון, ווייל דער מענטש קוקט זיך אָן: "איך האָב נישט די כוחות דערצו". אידן וואָס זענען פאַר'דאגה'ט מיט טרדות הגוף און טרדות הנפש, און זיי דאַרפן אַזויפיל אַרומלויפן און אַרבעטן שווער, שפּירן אַז עבודת ה' איז נישט פאר זייערע כוחות.

אָבער ישעי' הנביא זאָגט אונז, לויט ווי דער רבינו בחיי איז עס מסביר, אַז **קיינער האָט טאַקע באמת נישט די כוחות צו דינען דעם אויבערשטן, אויב מען איז זיך נישט אמת'דיג בוטח בהשי"ת, אַז ער וועט דיך העלפן מקיים זיין אַלע תורה ומצוות!**

**די תורה איז זיס און באַקוועם! אַ מענטש וואָס היט אָפּ די תורה איז רואיג און בשמחה!**

## ס'איז דאָ אַ סיבה פאַרוואָס מען האָט נישט די כוחות

שטייט אַ איד פאַר'ן חתונה מאַכן אַ קינד, ער לויפט אַהער און אַהין פאַרסאַפּעט צו ערלעדיגן אַלעס. אינמיטן באַקומט ער אַ טעלעפאָן קאָל פון דער ישיבה קטנה מיט אַ מעלדונג אַז זיין בחור דאַרף האָבן הילף. דאַן רופט מען אים פון שטוב אַז זיין קליינער איז אַראָפּגעפאַלן און מ'דאַרף אים נעמען צום דאָקטער, אויסערדעם האָט ער אַ דאגה שוין צו אויסהערן שידוכים פאַר'ן קומענדיגן קינד... יעדער קען אליינס צולייגן נאָך פרטים צו דער ליסטע... דער איד שרייט: רבוש"ע, וויאַזוי דאַרף איך האָבן די כוחות דאָס צו דערהייבן?!

קומט דער 'רבינו בחיי' און זאָגט: **ר' איד, איך האָב פאר אייך אַ סוד. איר האָט טאַקע נישט די כוחות ביי זיך אליינס!** דער רבוש"ע האָט אייך ספּעציעל נישט געגעבן גענוג כוחות וויפיל איר דאַרפט האָבן! פאַרוואָס האָט ער דאָס נישט געגעבן?! ווייל אויב דער מענטש וואָלט געהאַט די פיזישע מעגליכקייט אויסצופירן אַלעס וואָס ער וויל, **וואָלט ער זיך פאַרלאָזט אויף זיינע אייגענע מעגליכקייט!** ער וואָלט גענומען זיין חיות פון דעם נישט ריכטיגן פלאַץ! און דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז דער מענטש זאל באַקומען זיין חיות פון דעם אויבערשטן!

## דער וואָס האָט געהייסן טון די אַלע זאַכן, וועט אויך געבן די כוחות דאָס צו מקיים זיין

אויב וואָלט אַ איד אַלעמאָל געטון זיינע חיובים וואָס דער אויבערשטער פאָדערט פון אים, וויסנדיג אַז "איך האָב גענוג כוחות דערצו, איך קען דאָס באַווייזן"; אויב וואָלט ער זיך אַלעמאָל געמאַכט דעם חשבון אַז "איך האָב זיך נעכטן גוט אויסגערועט, צוליב דעם וועל איך היינט עס קענען טון"; **דעמאָלט וואָלט ער אין אַ געוויסן זין געווען אַ 'בוטח בעצמו'!**

אָבער יעצט, ווען אַ מענטש הייבט אַן שפּירן אַז 'ער קען באמת נישט', איז אַנשטאָט ער זאָל זיך מייאש זיין, קען ער אויפהייבן די אויגן צום הימל און זיך כאַפּן: "**איין מינוט, ווער האָט מיך געהייסן טון די אַלע זאַכן און ווער האָט מיך אַריינגעלייגט אין דעם מצב?! ווער האָט אַזוי אויסגעשטעלט אַז אידישע קינדער געבענטשטע משפחות זאלן האָבן אַזויפיל טרדות און טרחות?! אָה, דער רבוש"ע האָט דאָס געמאַכט!** אויב אַזוי בין איך זיכער אַז דער אויבערשטער וועט מיך געבן די כוחות! ער קען דאָך מיר געבן וויפיל כוחות עס פאָדערט זיך אַז כ'זאָל קענען אַלעס מקיים זיין בשלימות!".

## ס'איז שוין העכסט צייט צו אָפּלאָזן אַלע חשבונות און זיך פאַרלאָזן אויף השי"ת

מיר דאַרפן בלויז געדענקן דעם פסוק "וקוי ה' יחליפו כח", און דורכדעם קענען מיר טוישן דעם 'צינור' פון וואָס מיר באַקומען אונזער 'חיות'. אויב מען האַלט זיך אָן צו דעם 'צינור' פון 'דרך הטבע' ווערט מען טאַקע משועבד דערצו. **מען איז שטענדיג פאַרנומען אויב מען איז יאָ געשלאָפן גענוג אָדער אויב מען איז נישט געשלאָפן גענוג, אויב מען האָט יאָ אָדער נישט גענעסן גענוג,** און

אייביג איז מען אונטער אַ לחץ, מען האָט מורא צו מען וועט קענען 'אָנציִען'...

אָבער דער אמת איז אַז **מען קען פּשוט אָפּלאָזן די אַלע חשבונות.** אודאי דאַרף מען פּרובירן טון וויפיל מ'קען, אָבער גלייכצייטיג זאָל מען געדענקן אַז **בלויז דער רבוש"ע גיט אונז די כוחות!** ווי מען האָט געלערנט אין די פריערדיגע שיעורים אַז ווען מען פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן **דעמאָלט באַקומט מען בפּועל 'חיות'**, פון דעם בעסטן און גרעסטן 'מקור השפע והחיות', וואָס האָט נישט קיין גבול!

## דער 'יחליפו כח' פּאַסירט אַדאַנק דעם 'וקוי השם'

פוק חזי, מען קען אַרויסגיין אין דער גאס און זען אַז ס'איז טאַקע אַזוי. מען דאַרף בכלל נישט גלייבן אַז דאָס איז עפּעס 'מופתים'... **אַז מען קוקט זיך אום זעט מען אַז ס'איז דאָ אידן וואָס זיי האָבן די כוחות.** זיי קענען אָנגיין און טון אַזויפיל גוטע זאַכן און זיי ווערן נישט אויסגעמוטשעט! אודאי איז דאָס יעדער לויט זיין מדריגה, ס'איז דאָ צדיקים וואָס זענען ממש העכער די טבע, אָבער אויך ביי פּשוט'ע אידן אַרבעט עס ביי יעדן איינעם לויט וויפיל ער פאַרלאָזט זיך אויף השי"ת! **וויפיל ס'איז דאָ "וקוי השם", אַזויפיל איז דאָ דער "יחליפו כח"!**

מיר דאַרפן זיך מרגיל זיין מיט דער אמונה, אַז **אפילו ווען מען האָט 'יאָ' די כוחות, זאָל מען זיך נישט איינרעדן אַז מען קען זיך פאַרלאָזן אויף די אייגענע כוחות**, נאר מען זאָל זיך אַלעמאָל בוטח זיין אויף דעם אויבערשטן, וואָס דורכדעם איז מען יונק דאָס חיות פון אַ הייליגע פלאַץ.

ב

# הרינו מוכן ומזומן לקיים מצות בוראי; די גרעסטע הכנה איידער אַ קיום המצוה איז 'ביטול' צום אויבערשטן

## די מחשבות ביים זיך צוגרייטן צום 'סדר נאַכט'

לאָמיר נעמען אַ שטיקל משל לדבר: דער רבוש"ע האָט אונז געהייסן אַז אין די נאַכט פון ט"ו ניסן זאָל מען פּראַווען אַ סדר, מיט די אַלע הייליגע מצוות פון דער נאַכט, מצה ומרור, ד' כוסות, הלל, און די מורא'דיגע מצוה פון 'והגדת לבנך'.

מען מאַכט דאָך דעם סדר זייער שפּעט ביינאַכט, און **יעדער ווייסט וויפיל רחמים מען דאַרף האָבן אַז דער סדר זאל טאַקע קלאַפּן**; די קינדער זאָל נישט זיין צו מיד און דער טאַטע זאָל אויך זיין אין דעם ריכטיגן מצב צו קענען מקיים זיין די מצוות הלילה.

שטייען אַ טאַטע און אַ מאַמע ערב פּסח נאָכמיטאָג, און פּרובירן צו לייגן שלאָפן די קינדער, ווייל מען וויל אַז דער סדר זאל אַריבערגיין געהויבן.

- אַצינד איז דאָ צוויי סאָרט מצבים וואָס קען פּאַסירן.

## ווען מען פאַרלאָזט זיך אויף די אייגענע פעאיגקייט

ס'איז דאָ אַמאָל וואָס ב"ה אַלעס האָט זיך גוט אויסגעאַרבעט און דער מענטש קלערט צו זיך: "היינט וועט זיין אַ געוואַלדיגער סדר. מען וועט קענען מקיים זיין די מצוות מיט אַ הידור, אויסגערוהט און בשמחה. ווייסט פאַרוואָס?! ווייל איך האָב זיך גוט אויסגערעכנט. כ'האָב נישט געוואַרט ביז די לעצטע מינוט, איך האָב שוין גע'כשר'ט אַלעס אַ וואָך פריער, איך האָב שוין אַלעס אָנגעגרייט בעפאָר. איך האָב עס געטון אויף אַ קלוגן אופן, אַנדערע קענען זיך לערנען פון מיר, מען קען נישט סתם אַזוי אַריינפאַלן אין אַ סדר, מען דאַרף פאַרשטיין צו דעם..."

**אין וועמען האָט ער זיך יעצט בוטח געווען?! ליידער איז ער געווען אַ 'בוטח בעצמו'!** ער פאַרלאָזט זיך, אַז אַדאַנק זיינע אייגענע כשרונות און פעאיגקייטן וועט ער זיכער מצליח זיין.

מעגליך אַז ס'וועט טאַקע זיין גוט. אָבער דער מענטש האָט נישט קיין שום הבטחה אַז פּונקט וועט די וויין זיך נישט אויסגיסן דירעקט אויף די מצות, און ער וועט זיך נישט קענען איינהאַלטן פון ווערן אין כעס... ער האָט נישט קיין גאַראַנטיע אַז ביי 'מה נשתנה' וועט איין קינד נישט אַנטלויפן און וויינען אין אן אַנדערע צימער, ווייל ער האָט געוואָלט זאָגן די 'מה נשתנה' פריער... **דו האסט זיך טאַקע צוגעגרייט מיט אַביסל שלאָף וכדומה, און דו ביזטו זיך בוטח אין דיינע הכנות, אָבער ס'איז בכלל נישט פאַרזיכערט אַז אַלעס גייט זיך אויסאַרבעטן לויט דיין פּלאַן!** שפּעטער וועט אַזאַ מענטש האָבן חלישות הדעת: "כ'האָב דאך געטון אַלעס צו קענען האָבן אַ רואיגן סדר, וואָס וויל דער אויבערשטער פון מיר?!".

## זיך צוגעגרייט צום 'סדר' מיט בטחון

דאַן איז דאָ אַ צווייטע סאָרט מצב אין אידישע שטיבער:

אַ טאַטע וואָס האָט געהאַט אַזויפיל טרדות דעם גאַנצן ערב פּסח נאָכמיטאָג. עס איז אים ממש געווען אוממעגליך צו כאַפּן אַ דרימל. אויך די קינדער זענען גאָרנישט געשלאָפן טראָץ אַלע תחנונים פון די עלטערן. און דער איד שטייט פאַר'ן זמן און טראַכט צו זיך: "וואָס וועט דאָ זיין?! וויאַזוי גיי איך פירן אַ סדר ווען איך פאַל פון די כוחות! וואָס וועט זיין מיט די קינדער ביים סדר?!".

**דער אינגערמאַן ווייסט קלאָר אַז ער האָט נישט די כוחות הגוף און נישט די כוחות הנפש**, אָבער ער זאָגט: **"רבוש"ע, איך בעט דיך, גיב מיר די כוחות! איך וויל קענען געהעריג מקיים זיין דיינע מצוות!** ס'איז דאָ איינמאָל אַ יאָר, וואָס דער הייליגער אַפּטער רב זי"ע זאָגט אַז דעמאָלט איז דאָ אַ כח וואָס יעדער טאַטע קען משפּיע זיין אמונה פאַר זיינע קינדער, איך קען דאָך נישט פאַרלירן אַזאַ געלעגנהייט! רבוש"ע דו האסט דאך אַלע כוחות, 'וקוי ה' יחליפו כח', גיב מיר די כוחות!".

**אַזאַ איד האָט יעצט אויסגעקליבן צו יונק זיין פון דעם 'מקור החיות'** און דער אויבערשטער גייט אים העלפן צו קענען טאַקע פירן אַ שיינעם סדר!

> ס'איז נישט מיין עסק אויב איך גיי למעשה מצליח זיין! וואס האט דאס צוטון מיט מיר בכלל?!

## די בעסטע הכנה איז אמונה און תפלה

דאָס איז אונזער אַרבעט! אַז **אפילו ווען מען האָט זיך יאָ אויסגערוהט**, אפילו ווען מען שפּירט אַז מען האָט יאָ די כוחות, **זאָל מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף זיך**, נאר געדענקן אַז בלויז דער רבוש"ע גייט אונז העלפן!

דער '**אמרי חיים**' פון וויזניץ זצ"ל פלעגט פאָרן קיין מירון, יעדעס יאָר בעפאָר פּסח, צו מתפּלל זיין אַז דער סדר זאל מצליח זיין. מען דאַרף בעטן פון השי"ת אַז ער זאָל אונז געבן די כח און מח! בלויז דעמאָלט, אויב מען וועט באַקומען די כוחות פון הימל, וועט די וויין זיך נישט אויסגיסן, און אויב ס'וועט זיך יאָ אויסגיסן, וועלן מיר האָבן די כח צו בלייבן רואיג, זיך צו פרייען און דאַנקן אַז מען האָט ב"ה קינדער וואָס קענען אויסגיסן... **דורך בטחון און תפלה קען מען באַקומען סיי די פיזישע כוחות און סיי די נפשיות'דיגע כוחות**, צו פירן אַ שטוב און מחנך זיין די דורות מיט אַ שלימות.

דאָס איז נישט בלויז נוגע אויף פּסח ביינאַכט. דאָס איז פּונקט אַזוי אַקטועל יעדע פּשוט'ע פרייטאָג נאָכמיטאָג, ווען מען איז פאַריאָגט און מען דאַרף אַרומלויפן, **אָבער מען פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן אַז ס'וועט אי"ה זיין אַ שיינע שבת'דיגע סעודה און אַ געהויבענער שבת קודש.** און דאָס זעלבע אינמיטן די וואך, ווען מען שפּירט אַז מען איז זייער שטאַרק אָנגעשטרענגט, אויב מען פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן און מען איז מתפּלל, דעמאָלט באַקומט מען די כוחות הגוף והנפש צו קענען טון זיין רצון!

## קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ דערהויבענעם סדר

אין אַמעריקע איז געווען דער באַקאַנטער פאַרצייטישער חסידי'שער איד, הרה"ח רבי **ניסן פילטשיק** זצ"ל. ער האָט געהאַט אין שטוב אַ 'קלינינג פרוי', וועלכע איז געקומען פון אַ אידישן אָפּשטאַם, אָבער זי ליידער געווען גאָר ווייט און איז געווען אָנגעטון זייער שוואַך.

ווען ס'איז געקומען פאר פסח האָט ר' ניסן געטראַכט אַז די פרוי האָט דאָך נישט וואו צו זיין ביים סדר, דאַרף ער דאָך מקיים זיין דעם 'כל דכפין ייתי ויכול' און איר לאדענען צו זיין סדר.

אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט אים שטאַרק געאַרט: וויאַזוי וועט ער קענען פראַוון אַ סדר אַזוי?! ער ווייסט דאָך נישט וויאַזוי זי וועט קומען אָנגעטון. אפשר וועט דאָס שטערן די גאַנצע דערהויבענע אַטמאָספערע פון דעם סדר?! וויאַזוי וועט ער אַזוי קענען זאָגן דעם הלל, וואָס ס'איז דאך פון די געציילטע מאָל אין יאָר ווען אַ מענטש קען זיך אַזוי עפענען פאַר'ן אויבערשטן?!

אָבער נאָכדעם האָט ער געטראַכט: "**וואָס וויל יעצט דער רבוש"ע פון מיר?!** ס'איז זיכער אַז דער אויבערשטער וויל אַז איך זאָל יאָ אַריינעמען אַ אידישע טאָכטער צו מיין סדר, **וועל איך דאָס טון אָן קיין שום אַנדערע חשבונות!**".

אַזוי האָט ער טאַקע געטון. און שפּעטער האָט ער שטענדיג גערעדט פון יענעם סדר, אַז **אַגאַנץ לעבן האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ סדר! ער האָט קיינמאָל נישט געשפּירט אַזאַ דערהויבנקייט ווי יענע יאָר ביים סדר!**

## אַז מען איז יונק פון דעם 'מקור הטוב' קען מען ריכטיג מקיים זיין אַלע מצוות

די פּשוט'ע הסבר פון דער מעשה איז אַז אויב מען טוט דעם רצון ה', דעמאָלט צאָלט דער אויבערשטער צוריק. דער רבוש"ע בלייבט נישט שולדיג!

אָבער מען קען לערנען פון די מעשה אויך לענינינו: **אַ מענטש האָט דען עפּעס שליטה אויף זיינע הרגשים?! ער קען זיך עפּעס אָנגרייטן וועלכע געפילן ער זאָל שפּירן ביי אַ מצוה?!**

אָבער אויב מען איז מחליט אַז איך האָב טאַקע נישט קיין שום מעגליכקייט! **אַליין וועל איך גאָרנישט קענען!** איך בין זיך נישט 'בוטח בעצמו'! נאר איך געב זיך איבער פאַר'ן רצון ה'. דעמאָלט באַקומט מען טאַקע די געוואַלדיגע כוחות פונעם אויבערשטן!

דער מענטש דאַרף דאָך האָבן אַזויפיל 'פיזישע כוחות' און אַזויפיל 'כוחות הנפש' צו מקיים זיין די 613 מצוות התורה, וואָס דערפון איז דאָ מצוות וואָס מ'דאַרף מקיים זיין ממש 'בכל יום ויום ובכל שעה ושעה'. **ס'איז דאָ דערויף איין עצה! טויש אויף דעם 'צינור' פון וואו דו ביזט יונק!** הייב אָן יונק זיין דיין גאַנצע חיות פון דעם אויבערשטן, וועסטו באַקומען כוחות צו אויספירן אַלע זאַכן וואָס מען דאַרף טון!

## די תורה איז 'דרכיה דרכי נועם'; וויאַזוי איז מען טועם די נעימות?!

אַמאָל ווען מען רעדט פון עבודת ה' קען מען הערן פון ערליכע אידן די שפּראַך אַז: "מען דאַרף רייסן שטיקער פון זיך, מען דאַרף זיך אינגאַנצן מוסר נפש יעדע מינוט פון טאָג". די הייליגע ספרים און צדיקים רעדן טאַקע אויף אַזאַ אופן אַז אַ איד דאַרף אַלעמאָל זיין גרייט צו אַרבעטן 'בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך'.

אָבער צומאָל קען אַ מענטש ווערן אָפּגעקילט ווען ער הערט אַזאַ שפּראַך: "איך בין נישט אין דעם מצב פון רייסן יעצט שטיקער פון זיך, איך וויל אודאי מקיים זיין דעם רצון ה' אָבער איך קען זיך נישט צעפליקן, דאָס איז נישט פאר מיינע כוחות".

נאָכמער, ווייסן מיר דאך וואָס דער פּסוק איז מעיד אַז "דרכיה דרכי נועם", **די תורה איז זיס און באַקוועם! אַ מענטש וואָס היט אָפּ די תורה איז רואיג און בשמחה! ער איז צופרידן און באַפרידיגט און זיין לעבן קלאַפּט אים בעסער!**

אַמאָל וואונדערט זיך דער מענטש אַז עס שטימט אים נישט דער כלל. ווייל **ער מוטשט זיך מיט פאַרשידענע פּראָבלעמען און ער זעט נישט דעם 'דרכיה דרכי נועם'**. איבערהויפּט ווען מען האָט חלילה שוועריגקייט מיט פּרנסה אָדער געזונטהייט.

דער מענטש טרעפט זיך שבועות ביינאַכט ווען די אויגן קלעבן זיך אים, ער קען נישט מער ציען. אָדער ווען ער שטייט אויף די פיס אום ראש השנה אַזויפיל שעות אין בית המדרש. ער פרעגט: "ווילסט מיר זאָגן אַז מען דאַרף דאָס טאָן?! געזונטערהייט! אָבער זאָג מיר נישט דרכיה דרכי נועם', איך שפּיר נישט דעם זיסקייט, ווען ס'איז מיר אַזוי שווער צו אָנגיין מיט עבודת השם'.

## אויב מען לאָזט אַלעס איבער אויפ'ן אויבערשטן איז די עבודה מיט אַ זיסקייט

דער אמת איז אָבער אַז ביי די גדולי ישראל האָט מען טאַקע קלאָר געזען וויאַזוי זיי זענען געוועזן 'מיושבים בדעתם'. זיי האָבן געהאַט אַזאַ מורא'דיגע קלאָרקייט און רואיגקייט אַלעמאָל. **ס'איז געווען ממש בחוש קענטיג דעם 'מתוקים מדבש ונופת צופים' וואָס קומט פון דינען דעם אויבערשטן!**

ווי געזאָגט, אויב דער מענטש רעדט זיך נאָך איין אַז 'אויב וואָלט איך געהאַט יענעמס מצבים וואָלט איך געקענט מקיים זיין תורה ומצות מיט אַ רואיגקייט', איז דאָס איז אַ סימן אַז ער איז נאָך אַ 'בוטח בעצמו', וואָס **דעריבער ברעכט ער טאַקע אונטער**, ער קען זיך נישט קיין עצה געבן.

אַז דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף זיינע אייגענע כוחות דעמאָלט וועט זיכער אונטערקומען פאַרשידענע מצבים ווען עס וועט פּלאַצן. דאָ מוז ער לויפן; דאָ מוז ער מסדר זיין אַזויפיל זאַכן אויף אַמאָל; **אויטאָמאַטיש איז עס נישט קיין 'דרכיה דרכי נועם' ווייל ער פּאַלט צוזאַם**. ער קען נישט ציען אַזויפיל שעות ביינאַכט אָן קיין שלאָף וכדומה.

אָבער די אידן וואָס פאַרשטייען אַז זיי באַקומען זייערע כוחות פון דעם אויבערשטן, ווי דער פּסוק זאָגט 'וקווי ה' יחליפו כח', זענען קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט מחשבות אַז הלואי זאָל זיך טוישן זייערע אַרומיגע אומשטענדן, **ווייל זיי ווייסן אַז דער רבוש"ע גיט זיי אַלעמאָל די כוחות זיך צו ספּראַוווען מיט אַלע שוועריגקייט**. זיי בלייבן טאַקע מיט די 'שלוות הנפש' און 'מנוחת המוח' און ביי זיי טייטשט זיך בפּועל אָפּ דער באַדייט פון 'דרכיה דרכי נועם'!

## הער שוין אויף דאגה'ן; גלייב אַז דער רבוש"ע האָט דיך אַריינגעלייגט אין דעם מצב

דער מענטש איז אין אַ לחץ: "ס'איז שוין צוויי אַזייגער אינמיטן די נאַכט, וויאַזוי גיי איך קענען ציען מאָרגן?! כ'וועל נישט האָבן די כוחות?!".

**זיי נישט אַזוי פאַר'דאגה'ט!** ווער האָט דיר געזאָגט אַז מען 'מוז' שלאָפן אַכט שעה אַ נאַכט?! ס'איז דאָ אַסאַך אידן וואָס שלאָפן בלויז פיר שעה אַ נאַכט, אָדער אפילו ווייניגער, און זיי זענען אויסגערוהט. זיי קענען אָנגיין מיט'ן קומענדיגן טאָג.

אויב דער אויבערשטער האָט דיך יעצט אַריינגעלייגט אין דעם מצב, אַז דו קענסט זיך בלויז אָפּרוען ווייניגער שעות ביינאַכט, **וועט דיך דער אויבערשטער געבן די כוחות צו פונקציאָנירן!** פאַרלאָז זיך אויף אים וועט ער דיך געבן די כוחות!

ס'איז דאָ מענטשן וואָס קענען ממש נישט איינשלאָפן פאר זאָרג, ווייל זיי דאַרפן מאָרגן ערלעדיגן אַ קאָמפּליצירטע 'רפואה' ענין און דאָ איז שוין געוואָרן דריי אַזייגער פאַרטאָגס... **קענסט רואיג פאַרמאַכן דיינע אויגן אין אַ זיסע שלאָף! אַז השי"ת האָט דיך אַריינגעשטעלט אין דעם סיטואַציע וועט ער דיך געבן די כוחות. וקוי ה' יחליפו כח!**

צומאָל גייט דער מענטש שלאָפן גאָר פרי אָבער דעם קומענדיגן טאָג קען ער גאָרנישט ערלעדיגן, ווידעראום איז דאָ ווען מען שלאָפט קוים אַפּאָר שעה און עס גייט יאָ אַלעס ווי געשמירט מיט אַ סוקסעס! **אין וועמענס האַנט ליגט דיין הצלחה?! עס ליגט בלויז 'בידו של הקב"ה'! קענסטו דאך לעבן אין אַ מצב פון 'דרכיה דרכי נועם' אייביג און אַלעמאָל!** דער רבוש"ע האָט מיך אַריינגעלייגט אין דעם מצב און איך טו וואָס איך קען לויט מיינע יכולת, דאָס איבריגע וועט שוין דער רבוש"ע געבן אַלע כוחות הגוף והנפש וואָס מען דאַרף האָבן דערויף!

ג

# לעשות רצונך אלקי חפצי; דער אויבערשטער האָט אונז געהייסן 'טאָן'; ער האָט אונז נישט געהייסן 'אויפטאָן'

## מיר זענען אחראי אויף די 'פּעולות', נישט אויף די 'תוצאות'

לאָמיר אַצינד גיין צו נאָך אַ צווייטע יסוד וואָס מען קען זען פון דעם 'רבינו בחיי'.

דאָס איז דער כלל וואָס ערליכע אידן פלעגן אַלעמאָל זאָגן: "**אַ איד דארף טאָן און ער דאַרף**

**נישט אויפטאָן"** - דאָס הייסט אַז ווען ס'איז דאָ מצוה אָדער אַן ענין, ליגט אויף אונז אַ חיוב דאָס צו טון, אָבער וואָס וועט זיין למעשה די תוצאות?! **דאָס האָט שוין נישט מיט אונז!**

**דער רבוש"ע האָט אונז קיינמאָל נישט געהייסן אַז מיר זאָלן אויפטאָן!** דער אויבערשטער האָט אונז בלויז מצווה געווען אַז מיר זאָלן טאָן! דאָס איבריגע וועט ער שוין פירן אויף'ן גלייכן וועג אויב עס דאַרף טאַקע ווערן אויף למעשה!

## מען דאַרף טון דעם רצון ה', די רעזולטאַטן איז בכלל נישט אונזער עסק

ערליכע אידן האבן אזוי געלעבט! ווען זיי זענען צוגעגאנגען צו תורה און מצוות האבן זיי געוואוסט ביי זיך זייער קלאָר, אַז **זיי קענען סייווי נישט ברענגען קיין שום תוצאות!** דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז איך זאָל אינזין האָבן יענעם איד מיט אַן ענין פון 'פדיון שבוים'; איך זאָל לויפן און טון עסקנות אים צו העלפן; איך זאָל מאַכן טעלעפאָן קאָלס און טון אַלעס וואָס איך קען; **אָבער ס'איז נישט מיין עסק אויב איך גיי למעשה מצליח זיין! וואס האָט דאָס צוטון מיט מיר בכלל?!**

**זיי האָבן זיך נישט איינגערעדט אפילו פאַר קיין סעקונדע אַז זיי קענען ברענגען די תוצאות!** דאָס איז געווען די ערשטע הנחה און יסוד, נאָך איידער זיי האָבן אָנגעהויבן טון די אַלע ענינים פון 'הצלת נפשות' און חסדים.

ערליכע אידן האָבן געוואוסט אַז זיי קענען נישט אליינס. זיי האָבן זיך נישט בוטח געווען אויף זייערע 'קאָנעקשאָנס' מיט דעם פּאָליטיקאַנט אָדער מיט דעם עסקן, זיי האָבן זיך נישט פאַרלאָזט אויף זייערע חכמות און תחבולות, **נאר זיי האָבן געוואוסט לכתחלה אַז דער אויבערשטער וויל בלויז אַז איך זאָל טאָן!** ס'איז בכלל נישט מיין געשעפט וואָס גייט זיין די 'תוצאה', דער רבוש"ע פירט דאָך די וועלט!

## די ידיעה ברענגט די גרעסטע 'שלוות הנפש' און רואיגקייט

און טאַקע דערפאַר, ווייל די צדיקים זענען צוגעגאַנגען צו זייער תורה און מצוות מיט אַזאַ צוגאַנג, **זענען זיי נישט געוואָרן אויסגעשעפּט פון די כוחות!** ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט אַגאַנצע צייט זען: "נאַ, נאַ, כ'האָב שוין מצליח געווען?!".

אַ מענטש וואָס לעבט נישט אַזוי און ער וואַרט יאָ אַגאַנצע צייט אויף די תוצאות - דעמאָלט, אויב איז ער טאַקע מצליח טאַנצט ער: "זעהסטו ברוך השם". ער זאָגט אפשר דאָס וואָרט ברוך ה' אָבער אונטער דעם ליגט אַז ער איז זיך בוטח אין זיין כח... און אויב האָט ער נישט מצליח געווען דעמאָלט ווערט ער אינגאַנצן צושאָסן. מאָרגן האָט ער שוין נישט די מוט צו טון נאָכאַמאָל די זעלבע זאַך, ווייל ער איז אַנטוישט פון דעם דורכפאַל. כאילו ס'איז געוואָנדן אין אים.

ווידער ווען דער מענטש געדענקט אַז: **מיינע 'פעולות' האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט די 'תוצאות'.** איך דאַרף בלויז 'טאָן' די מצוה, אָבער ווען עס קומט צו 'אויפטאָן', וועט דער אויבערשטער העלפן. **דעמאָלט האָט דער מענטש אַסאַך מער כוחות הנפש אָנצוגיין ווייטער!** ווייל ער ווערט נישט אויסגעשעפּט און אַנטוישט אויב עס גייט נישט פונקטליך וויאַזוי ער האָט געוואָלט.

## זיין אַזאַ סאָרט 'בוטח' אויך ביי חינוך און ביי אַלע ענינים

דאָס אַרבעט די זעלבע וועג לגבי דעם 'חינוך' פון די קינדער. אויב מען ווייסט אַז **מיר קענען סייווי נישט ברענגען די 'תוצאות', מיר קענען בלויז די 'עשייה', און דער רבוש"ע גייט טאָן דאָס איבריגע.** דער אויבערשטער ווייסט בעסער פון אונז וויאַזוי ס'זאָל מצליח זיין. **דעמאָלט איז מען אַזויפיל רואיגער אין לעבן!**

די אמת'ע 'קוי השם', האָבן טאַקע געהאַט אַסאַך כוחות הנפש. **צדיקים האָבן געקענט נעמען שעות קוויטלעך און אויסהערן אידישע צרות,** אפילו זיי האָבן זיך גענומען צום האַרץ זייער שטאַרק פון די אַלע צרות, אָבער זיי האָבן געוואוסט די גאַנצע צייט אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט און דאָס האָט זיי געגעבן אַזויפיל מער כוחות צו קענען אָנגיין מיט אַ חיות דקדושה!

## העלפן אַ איד אָן מאַכן חשבונות פון פּאָליטישע 'רעזולטאַטן'

הגה"ק רבי **נפתלי צבי מבאבוב** זצ"ל האָט דאָך זייער אַסאַך עוסק געווען צו העלפן אידן. איז אַמאָל געווען וואָס ער האָט זיך אַריינגעלייגט צו העלפן אַ 'פדיון שבוים' קעיס פון אַ איד, וואָס האָט נישט קיין שום שייכות מיט אים אָדער מיט זיין חסידות. לצורך הענין האָט ער זיך געדאַרפט באַגעגענען מיט אַ געוויסער פּאָליטיקאַנט אין זיין אָפיס אין מאַנהעטן. מען האָט אָפּגעמאַכט אַ צייט ווען מען גייט זיך דאָרט טרעפן.

אויב איז ער טאַקע מצליח טאַנצט ער: "זעהסטו ברוך השם". ער זאָגט אפשר דאָס וואָרט ברוך ה' אָבער אונטער דעם ליגט אַז ער איז זיך בוטח אין זיין כח...

צו דער באַשטימטער צייט איז ער דאָרט אָנגעקומען, אינאיינעם מיט אַן עסקן פון יענע אַנדערע קהלה, אָבער צו זייער עגמת נפש זען זיי אַז קיינער איז נישט דאָרט, דער בנין איז פאַרמאַכט און די לעקטער איז אויסגעלאָשן. דער רבי האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן, ער איז גלייך געגאַנגען צו אַ גרויסער בנין וואָס איז געשטאַנען גלייך נעבן דעם בנין פון דעם אָפיס, און ער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אויף די הויכע שטאָקן, צו זען אויב מען קען אפשר פון דעם בנין אַריינגיין אין דעם אַנדערן בנין, וואו די באַגעגעניש האָט געזאָלט פאַרקומען.

דער עסקן וואָס איז מיטגעגאַנגען האָט זיך געוואונדערט: "וואָס איז געשען מיט אים? פאַרוואָס טראַכט ער אַז מען קען אַריינגיין פון איין בנין צו די אַנדערע?". אָבער דער רבי האָט נישט געקוקט אויף גאָרנישט, ער האָט געעפנט איין טיר און נאָך אַ טיר, אפשר קען מען דאָך אַריינגיין דאָרט.

למעשה האָט מען טאַקע גאָרנישט געטראָפן און זיי זענען צוריק אַראָפּגעגאַנגען אויף'ן גאַס. באַלד ווי זיי זענען אַרויסגעקומען האָבן זיי דערזען דעם פּאָליטיקאַנט קומט צוגיין אין דער איילעניש און ער אַנטשולדיגט זיך פאַרוואָס ער איז געקומען שפּעט...

ווען מען האָט געענדיגט דעם זיצונג האָט דער רבי געזאָגט פאַר דעם עסקן: **"ווען ס'קומט צו העלפן אידן, איז נישטאָ קיין חשבונות! מען דאַרף טאָן און נישט טראַכטן פון קיין תוצאות".**

אַזוי האָבן ערליכע אידן געטון דעם רצון ה', אָן טראַכטן די אַלע פּאָליטישע חשבונות, אויב עס וועט יאָ אַרבעטן אָדער נישט. זיי האָבן זיך נישט מצמצם געווען צו די אייגענע חכמה און כוחות. זיי האָבן געוואוסט אַז 'איך דאַרף יעצט טון פאַר אַ אידנ'ס וועגן', און מיט אָט די כוחות פון דעם אויבערשטן האָבן זיי טאַקע אָנגעיאָגט צו דורכפירן אַזויפיל. ווי דער פסוק זאָגט "ירוצו ולא ייגעו" - פשוטו כמשמעו!

## די צוויי נקודות פון בטחון ביי אַ מצוה

לסיכום, איז דאָ אויסגעשמועסט געוואָרן די ערשטע יסוד: אַז אפילו אויב מען האָט נישט די פיזישע אָדער נפשיות'דיגע כוחות צו מקיים זיין אַלעס, **דאַרף מען זיך פאַרלאָזן אַז דער רבוש"ע וועט געבן די כוחות הגוף והנפש,** וויפיל עס פעלט זיך אויס.

דאַן איז פאַראַן די צווייטע יסוד: צו געדענקן יעדעס מאָל וואָס מען טוט אַ מצוה, **אַז דער אויבערשטער האָט אונז קיינמאָל נישט געבעטן צו 'אויפטאָן'.** דער מענטש דאַרף בלויז טון דאָס זייניגע און די תוצאות לאָזן אויף השי"ת.

אפילו ווען ס'קומט צו תורה און תפלה, **קען דען אַ מענטש מאַכן אַז ער זאָל פאַרשטיין אָדער געדענקן דאָס לערנען?! אַ מענטש קען מאַכן אַז ער זאָל האָבן אַ געפיל ביי אַ דאַווענען?!** מען דאַרף כאַפּן די נקודה: 'איך קען גאָרנישט אויפטאָן'. דער רבוש"ע וויל אַז מיר זאָלן 'פּרובירן', מיר זאָלן 'טון' וויפיל מיר קענען! **מען זאָל זיך זעצן לערנען, מען זאָל זיך שטעלן דאַווענען. אָבער 'אויפטאָן' דאַרף איך נישט!** אָט די ידיעה אַליינס גיט געוואַלדיגע כוחות נישט צו ווערן ערשעפּט, נאר צו לעבן מיט אַן אמת'ע געפיל פון 'דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום'.

# שמירת עינים

**יִצְּרֶנְהוּ כְּאִישׁוֹן עֵינוֹ;**
'שמירת עינים' דורך אמונה אַז יעדע הנאה איז אָנגעשריבן'

יום שני משפטים, כ"ו שבט, תשפ"א

א

# שעשה לי כל צרכי; אַלע 'צרכי הנפש' זענען פּונקטליך באַשערט פאַר'ן מענטש

## די בחירה איז נישט אויף די הנאה, ס'איז אויף דעם וועג וויאַזוי צו באַקומען די הנאה

ווי ערקלערט אין דעם פריערדיגן מאמר קען מען דורך אמונה אָפּגעהיטן ווערן פון זוכן תענוגים ביי דברים אסורים, ווייל אַ איד וואָס גלייבט באמת אַז יעדע הנאה וואָס ער באַקומט איז פּונקטליך באַשערט און אָנגעשריבן פאַר אים, וועט ער נישט גבנ'ען קיין תענוג פון אַ נישט אויסגעהאַלטענע פּלאַץ, **ווייל ער ווייסט אַז ער גייט עס סיִיוּי באַקומען!** דער רבוש"ע וועט אים געבן די זעלבע הנאה, פון אַ גוטע פּלאַץ.

ווען מען באַקומט סיי וועלכע הנאה אָדער תענוג אויף דער וועלט, **איז זיכער אַז דאָס איז געווען באַשערט.** דער מענטש האָט נאָר די בחירה **אויב ער זאָל דאָס אליינס נעמען** חלילה באיסור, **אָדער ער זאָל אויסוואַרטן** ביז ער וועט באַקומען די זעלבע זאַך בהיתר.

## יעדער מענטש באַקומט אַלע זיינע 'צרכי הנפש' מידו הרחבה והמלאה

מיר זאָגן יעדן טאָג די ברכה "שעשה לי כל צרכיי" - דער רבוש"ע גיט אונז אַלע אונזערע געברויכן. אין דעם איז אַריינגערעכנט אויך די 'צרכי הנפש'. דער 'נפש' פון יעדן מענטש האָט אַ געברויך פאר הנאה; דער נפש האָט אַ צורך צו שפּירן מרוגש און איבערגענומען; דער נפש האָט אַ צורך זיך צו מתענג זיין. **די אַלע צרכים זענען פּונקט אַזוי וויכטיג פאַר'ן נפש ווי געלט!** די גאַנצע סיבה פאַרוואָס אַ מענטש דארף אַזוי שטאַרק געלט איז אויך בלויז ווייל ער מיינט אַז אַזוי וועט ער זיין רואיג...

אייגנטליך זענען 'צרכי נפש' נאָך וויכטיגער ווי 'צרכי הגוף', ווי מ'קען עס זען ביי מענטשן וואָס זענען גרייט זיך צו אויסהונגערן דריי טעג, אָדער טון אַנדערע ריזיקאַלישע זאַכן פאַר'ן גוף, אבי אַז דורכדעם וועלן זיי באַקומען אַביסל אויפמערקזאַמקייט וואָס זייער נפש לעכצט אַזוי דערצו.

## אַ פּראָבלעם אין 'שמירת עינים' איז אַ פּראָבלעם אין 'פּרשת המן'...

ווען מיר זאָגן די ברכה יעדן אינדערפרי פון "שעשה לי כל צרכיי", **זאָגן מיר דעמאָלט אַז דער אויבערשטער גייט אונז זיכער אויך געבן אַלע אונזערע 'צרכי הנפש', פּונקט ווי דער אויבערשטער גיט אונז אַלע זיינע אַנדערע צרכים!** די סיבה פאַרוואָס אַ מענטש ווערט חלילה נכשל מיט נישט אויסגעהאַלטענע תענוגים, איז **וויבאַלד ער האָט נאָכנישט געגנוג אמונה**, ער גלייבט נישט גענוג שטאַרק אַז דער רבוש"ע גייט אים געבן אַלע זיינע צרכים, אויך זיינע תענוגי וצרכי הנפש!

**ווייסט פאַרוואָס ביזט נכשל געוואָרן מיט אַ 'ראי' אסורה?! ווייל דו האסט נישט געזאָגט 'פּרשת המן'!** האָט נישט געגלייבט באמת אַז דער רבוש"ע איז אַ 'זן ומפרנס לכל' און ער גייט דיך געבן אַלעס וואָס דו דאַרפסט האָבן! האסט פאַרגעסן אַז אויב דו וועסט נישט נעמען קיין הנאה פון אַן אַנדערע פּלאַץ, **וועט דיך דער אויבערשטער סיִיוּי געבן די זעלבע הנאה פון דעם ריינעם אמת'ן 'מקור החיות'.**

## די נאַרישקייט פון זיך זעטיגן מיט ליידיגע הנאות אַנשטאָט אויסוואַרטן אויף די ריכטיגע תענוג

ווען דער מענטש האָט חלילה נישט קיין 'סבלנות' צו וואַרטן ביז דער רבוש"ע גיט אים דעם תענוג, און ער גייט און גנב'ט פון נישט אויסגעהאַלטענע הנאות, האָט ער זיך יעצט סתם אָנגעמאַכט בושות. ער איז געבליבן מיט אַן עבירה, און שפּעטער לאחר מעשה בלייבט ער ליידיג, ווייל **ער האָט באַקומען בלויז אַ גשמיות'דיגע הנאה**, וואָס זעטיגט אַזויפיל ווייניגער פון אַ טיפע רוחניות'דיגע הנאה.

נאָכמער: ווען איינער גנב'ט אַ הנאה באיסור, וועט ער נאָכדעם שפּירן שלעכט און צעבראָכן. עס לוינט זיך פּשוט נישט! ווידער ווען מען באַקומט די תענוג פון דעם רבוש"ע איז דאָס אַן אמת'ע חיות.

דאָס איז פּונקט ווי ביי 'מאכלים'. ווען אַ מענטש עסט געזונטע עסנוואַרג, **שפּירט ער זיך נאָכדעם פריש, זאַט און אויפגעלעבט.** ער קען זיך יעצט זעצן לערנען עטליכע שעה רואיג. אָבער אויב ער עסט זיך אָן מיט אומגעזונטע עסנוואַרג - אַזוי ווי רוב מאכלים וואָס מען פיטערט דעם עולם היינט - **קען ער דערנאָך נישט האַלטן די אויגן אָפן פון גרויס מידקייט.** ער איז אינגאַנצן צעפאַרן, **ווייל ער האָט גענומען תענוגים וואָס איז נישט גוט פאַר אים.** זיין גוף דארף יעצט גיין אין אַ גרויסע מלחמה ביז עס וועט ווערן מסודר אַפּאָר שעה שפּעטער.

> **ווייסט פאַרוואָס ביזט נכשל געוואָרן מיט אַ 'ראי' אסורה?! ווייל דו האסט נישט געזאָגט 'פּרשת המן'!**

## ווען מען נעמט זיך אליינס האָט מען בלויז שאָדן

דער הייליגער **מאור עינים** זי"ע האָט פאַרציילט, אַז אַלס קינד איז ער געווען אַ יתום פון זיין מאַמע, און ער איז אויפגעוואַקסן ביי אַ שטיף מאַמע וואָס האָט אים מרחק געווען. ווען זי האָט געטיילט ברויט פאר אַלע קינדער אין שטוב, האָט זי פאַר אירע קינדער אָנגעשמירט פּוטער אויף דעם רעפטל ברויט, אָבער ער האָט באַקומען בלויזע טרוקענע ברויט.

אַמאָל איז די שטיף מאַמע נישט געווען אין שטוב און אויפ'ן טיש איז געליגן אַ גרויסע כלי מיט אַ ווייסע שמיראכטס, האָט דער מאור עינים געטראַכט אַז יעצט איינמאָל קען ער זיין אַזויווי אַלע קינדער. ער האָט באַשלאָסן צו נעמען אליינס און דאָס אָנגעשמירט אויף זיין ברויט.

אָבער ביי דעם ערשטן ביס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז דאָס איז נישט געווען קיין פּוטער. ס'איז געווען אַ ווייסע סאָרט ליים, וואָס איז געמאַכט צו שמירן אויף דער וואַנט... יעצט האָט ער שוין דעם ברויט אויך נישט געקענט עסן, ווייל נאָך אַ ברויט איז נישט געווען. האָט ער זיך געטראָפן אָן קיין פּוטער און אָן קיין ברויט...

האָט דער מאור עינים געזאָגט אַז דעמאָלט האָט ער זיך אויסגעלערנט אויפ'ן גאַנצן לעבן אַז: **"אויב מען נעמט זיך אליינס, דעמאָלט נישט בלויז וואָס מען באַקומט נישט נאָך עפּעס, נאר מען פאַרלירט אויך דאָס וואָס מען האָט שוין געהאַט ביז יעצט"!**

## דאָס אַרבעט אַלעמאָל אַזוי אין אַלע דורות

אַזוי געפינען מיר ביי דעם 'נחש הקדמוני' אַז ער האָט געגליסט צו אַ זאַך וואָס האָט נישט באַלאַנגט פאַר אים, און לכבוד דעם האָט ער נישט בלויז גאָרנישט באַקומען, נאָר ער האָט אויך פאַרלוירן דאָס וואָס ער האָט געהאַט ביז דעמאָלט!

דער רבוש"ע האָט אים געזאָגט אַז ביז יעצט האָט ער געזאָלט זיין דער מלך אויף אַלע בהמות

און חיות אָבער יעצט ווערט זיין: "**ארור אתה מכל הבהמה ומכל חיות השדה**"; ביז יעצט איז ער געגאַנגען 'בקומה זקופה' אָבער יעצט ווערט זיין: "**על גחונך תלך**"; ביז יעצט האָט ער געקענט עסן אַלעס אָבער יעצט ווערט זיין: "**עפר תאכל**"; ער האָט געוואָלט אַז אדם זאל שטאַרבן צו קענען האָבן חוה, יעצט ווערט זיין: "**ואיבה אשית בינך ובין האשה ובין זרעך ובין זרעה**".

אַזוי זען מיר אויך ביי קין, קרח, בלעם, דואג, אחיתופל, גחזי, אבשלום, אדוניהו, עוזיהו, המן, א.א.וו. זיי האָבן אַלע געוואָלט באַקומען עפּעס וואָס האָט נישט באַלאַנגט פאַר זיי, און למעשה האָבן זיי נישט באַקומען דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט און **זיי האָבן אויך פאַרלוירן דאָס וואָס זיי האָבן שוין געהאַט!**

ווייל דאָס איז דער כלל אַלעמאָל, אַז מען גייט אַוועק פון דעם רבוש"ע, האָט מען זיך אַוועקגעריקט פון דעם 'מקור החיות'. **האסטו געוואָלט נעמען 'חיות' פון אַ צווייטע פלאַץ?! האָסטו פאַרלוירן אַלעס!**

### אַז מען וויל כאַפּן, פאַרלירט מען דאָס ביז יעצטיגע...

יעדער איינער קען דאָס מיטהאַלטן ביי זיך אליינס אויף אַלע סאָרט אופנים, מבשרי אחזה.

דער מענטש שטייט אין אַ לאַנגע רייע אין אַ געשעפט וכדומה, אַסאַך מענטשן וואַרטן און מען דאַרף האָבן 'סבלנות', אָבער ער קוקט און זוכט אַרום, וואו ס'וועט אים זיין בעסער. ער האָט טאַקע געזען אַז די אַנדערע רייע איז קורצער, לויפט ער אַריבער, אָבער אָנקומענדיג דאָרט מאַכט מען צו יענע רייע... יעצט דאַרף ער צוריקגיין צום אָנהויב פון דער ערשטער רייע. ער האָט געוואָלט האָבן עפּעס וואָס איז נישט זיינס, האָט ער נישט באַקומען יענס, און ער האָט אויך פאַרלוירן וואָס ער האָט שוין יאָ געהאַט.

דאָס איז נישט קיין 'עונש', נאר אַזוי אַרבעט די זאַך. וויבאַלד דאָס קומט פון אַ חסרון אין אמונה. דער מענטש טראַכט צו זיך: "**אויב דער רבוש"ע וויל נישט, וועל איך אליינס נעמען. וואָס זאָל איך טון?! איך דאַרף דאָך עס האָבן זייער וויכטיג**"... און אַז מען גייט אַוועק פון השי"ת, פאַרלירט מען די גאַנצע שפע בדרך הטבע.

**מיר 'האַנדלען' נישט מיט'ן אויבערשטן, מיר האָבן 'אמונה' אינעם אויבערשטן!**

ב

## לכתך אחרי במדבר; גלייבן אַז מען קען נישט קיין שאָדן האָבן פון גיין מיט'ן אויבערשטן

### די אויסריידן און תירוצים זענען אַ 'חסרון אין אמונה'

וויפיל מאָל זעט מען ביי געלט זאַכן, אַז אַ מענטש טוט געוויסע פעולות וואָס איז נישט ריכטיג על פי תורה. ווען מען קומט אים ווייזן אין 'חובת הלבבות' אַז ס'איז נישט אויסגעהאַלטן צו מאַכן אַזוי געלט, איז געוועהנליך די תשובה: "קענסט מיך דן זיין?! דו ענדיגסט דעם חודש באַקוועם, האסט ב"ה אַ ברייטע לעבן מיט הצלחה, און דו זאָגסט מיר וואָס איך זאָל נישט טון! שטעל זיך אַריין אין מיין מצב, וועסטו זען אַז כ'האָב נישט קיין ברירה! מען מוז דאָך אויפקומען מיט דאָס געלט".

באמת האָט דער מענטש יעצט געזאָגט צוויי זאַכן: זיין ערשטע טענה איז אַז מען קען אים נישט דן זיין ווילאַנג מען איז נישט אין זיין מצב. **מעגליך איז ער טאַקע זייער גערעכט מיט די נקודה.** ס'איז אודאי נישט שייך צו מזלזל זיין אין יענעם, בשעת ער גייט דורך אַ נסיון, וואָס ס'איז נישט זיכער אַז אויב איך וואָלט געווען אין דעם מצב וואָלט איך יאָ געהאַט די כוחות צו זיך מתגבר זיין אויף דעם נסיון. **מען קען קיינמאָל נישט דן זיין אַ צווייטן.**

אָבער לגבי זיין צווייטע טענה, אַז ער איז געצוווּנגען דאָס צו טון ווייל ער איז זייער געענגט מיט געלט; אַז מען ווערט זיך מתבונן זיין איז **דער שורש דערפון אַ 'חסרון אין אמונה'!** דאָס איז ווי דער מענטש וואָלט געזאָגט: "היות דער רבוש"ע גיט מיך נישט, דאַרף איך אליינס נעמען פון אַ צווייטע פלאַץ"... דאָס איז אַ פגם אין "לא יהיה לך אלהים אחרים" ווייל ס'איז ווי ער וואָלט געזאָגט: "**יאָ, אודאי גלייב איך אַז דער אויבערשטער איז דער מקור פון אַלע שפע, אָבער אויב ער גיט מיך נישט האָב איך געעפענט אַ קליינע קראַן פון דער זייט פון וואו איך נעם צום לעבן...**"

### ס'איז נישט מעגליך צו מפסיד זיין פון מקיים זיין אַ משנה

דאָס איז אמת סיי כלפי נעמען 'הנאה פון געלט' און סיי כלפי נעמען 'הנאה פון תענוגים און סיפוק'. איבערהויפּט ווען מען רעדט פון דער סוגיא פון 'שמירת עינים', אַז מען זאָל זיך נישט נעמען קיין אייגענע תענוגים, נאר **מען זאָל גלייבן אַז יעדער הנאה איז מיר אָנגעשריבן און איך וועל דאָס באַקומען פון דעם 'מקור הטוב והחיות'.**

נישט אַלעמאָל האָט דער מענטש דעם נסיון פון די זאַך אליינס, צומאָל איז דער נסיון פון אַלע אַרומיגע אומשטענדן. צום ביישפּיל, ער טוט ביזנעס און ער דאַרף יעצט האנדלען מיט אַן אשה, מאַכט ער זיך דעם חשבון: "איך קען נישט יעצט זיין דער גרויסער 'עובד'. איך דאַרף דאָך ענדיגן דעם דיעל, וועל איך זיין אַ 'נאָרמאַלער מענטש', כ'וועל נישט פאָלגן די משנה פון פרקי אבות 'אל תרבה שיחה עם האשה'..."

דאָס הייסט אַז סוף כל סוף, **גלייבט דער מענטש נישט ריכטיג אַז דער רבוש"ע קען אים געבן אַלעס וואָס ער דאַרף.** ער מיינט אַז אויב ער וועט טון עפּעס קעגן אַ משנה וועט ער מצליח זיין און אויב נישט וועט ער נישט מצליח זיין! דאָס קומט למעשה פון אַ 'חסרון אמונה'!

### די וואַקאַציע קען געלונגען אויך מיט אַ 'קבלת עול'

ענליך קען פּאַסירן ווען איינער פאָרט אַוועק אויף וואַקאַציע און ער מחליט ביי זיך אַז ער וויל יעצט לעבן רואיג, אָן קיין פרעשור, ער קען נישט יעצט האָבן אַ פרישע דאגה 'וויאַזוי ער גייט זיך מסדר זיין מיט שמירת עינים', ווייל דאָס גייט אים אַפעקטירן די רואיגקייט פון דעם וואַקאַציע, וואו ער מעג זיך יאָ דרייען און וואו נישט: "איך וויל נישט טראַכטן פון די גאַנצע זאַך, ווייל אויב כ'וועל טראַכטן דערפון, הייבט זיך אָן אַ נייע לחץ, כ'וועל דאַרפן מאַכן גאַנצע חשבונות וואו ס'איז מער אויסגעהאַלטן צו גיין. לאָמיך אָפּ מיט דעם גאַנצן ענין יעצט."

דאָס קומט פון דעם זעלבן שורש, דער פשט דערפון איז אַז דער מענטש באַשליסט אַז היות ער דאַרף זיך יעצט אויסלופטערן פון אַלע דאגות און זיך אָנשעפּן מיט פרישע כוחות, קען ער דאָס ערררייכן בלויז אויב ער וועט גיין קעגן דעם רצון ה' חלילה. "אויב איך וועל גיין מיט'ן אויבערשטן וועט מיך ח"ו פעלן פון דעם ישוב הדעת - ווייל מען קען נישט באַקומען די רואיגקייט פון אַ וואַקאַציע אויב מען איז אן אַפּגעהיטענער פּאַרקוועטשטער איד וואָס גייט נישט אַרויס פון זיין קעסטל..."

דער יצר הרע רעדט אונז איין אַז, אָדער איז מען אַזאַ סאָרט מענטש וואָס גייט מיט פאַרמאַכטע אויגן און מ'קלאַפּט זיך אַריין אין ביימער, אָדער לעבט מען אַ 'נאָרמאַלע' לעבן אָן קיין דאגות פון 'שמירת עינים': ווילסטו זיין אַן ערליכער איד אָדער ווילסטו הנאה האָבן פון דער וועלט?! ביידע צוזאַמען גייט נישט...

**דאָס איז אָבער פשוט שקר וכזב! דער יצר הרע וויל נישט אַז דער איד זאל גלייבן אין דעם רבוש"ע!** אַ איד אַ מאמין זאָגט אַזוי: "אַלע מיינע צרכי הנפש האָט דער אויבערשטער געמאַכט! **ער ווייסט פונקטליך וואָס פאַראַ סאָרט נפש איך האָב!** און איך בין זיכער הונדערט פּראָצענט אַז ס'גייט מיך נישט פעלן קיין משהו פון מיינע צרכי הנפש, ס'גייט מיך גאָרנישט פעלן קיין שום הנאה אָדער תענוג, אויב כ'וועל גיין מיט'ן אויבערשטן!".

### לאָמיר האָבן 'טראָסט' און מוותר זיין אונזער הנאה

אָבער אויף דעם דאַרף מען טאַקע האָבן אמונה! און אמונה מיינט "לכתך אחרי במדבר

בארץ לא זרועה"! **צוערשט דאַרף דער מענטש מוותר זיין, אפילו ער ווייסט נישט וויאַזוי זיין נפש גייט באַקומען די אַלע הנאות**, און הערשט דערנאָך וועט אים שוין דער אויבערשטער אַלעס געבן.

ביי יעדע דיעל אויף דער וועלט איז פאַרהאַן אַ 'ויכוח': ווער ס'זאָל דער ערשטער מוותר זיין. צום ביישפיל, ווען איינער באַשטעלט נייע פענסטער און טירן, איז אַלעמאָל דאָ דער ויכוח, אויב די פירמע זאל קודם בויען זייערע זאַכן אָדער דער קאָסטומער זאל צוערשט באַצאָלן דערפאַר.

בדרך כלל ווענדט זיך דאָס אין 'טראָסט'. אויב דער ביזנעסמאַן קען נישט דעם הויז אייגנטומער וועט ער פאַרלאַנגען אַז "ערשט גיב מיר דאָס געלט, נאָכדעם וועל איך אינוועסטירן אין דיין הויז, כ'גיי נישט יעצט גיין בויען טירן און פענסטער ווען איך ווייס נישט אויב כ'קען דיך געטרויען".

אַ מענטש וואָס האָט נישט קיין אמונה זאָגט ענליך: "אודאי בין איך מסכים געזונטערהייט צו אויפגעבן אויף אַלע אומאויסגעהאַלטענע הנאות. אָבער קודם דאַרף איך זען אַז דער אויבערשטער גיט מיך אַלע הנאות פאר מיין נפש. מיינסט אַז איך זיך מיך פּראָבלעמען?! איך זיך בלויז צו באַקומען מיינע 'צרכי הנפש', וואָס זאָל איך טון אַז כ'האָב עס נישט באַקומען פונעם אויבערשטן, האָב איך עס געמוזט נעמען פון אַ צווייטע פּלאַץ..."

דאָ קומט אַריין אמונה! **אמונה מיינט אַז קודם גיי איך מוותר זיין!** איך גיי אויפגעבן אויף די הנאות באיסור! **איי, וויאַזוי וועל איך זיך אַן עצה געבן אָן מיינע וויכטיגע 'צרכי הנפש'?! דער אויבערשטער גייט מיך זיכער העלפן!** ער גייט מיך געבן אַלע תענוגים און אַלע ישוב הדעת וואָס איך דאַרף האָבן!

## אין אדם שומע לי ומפסיד

וויפיל אידן קענען מעיד זיין אַז זיי האָבן געהאַט נסיונות מיט ספיקות, ווייל **זיי האָבן נישט געוואוסט וויאַזוי זיי גייען זיך קענען מסדר זיין אויב זיי וועלן אָפּלאָזן טעכנאָלאָגישע כלים אָדער זיי וועלן לייגן גוטע פילטערס** וכדומה. אָבער נאָכדעם וואָס זיי האָבן געטון די ריכטיגע שריט מיט אַן אמונה, האָבן זיי געזען אָפן וויאַזוי דער אויבערשטער האָט זיי געהאָלפן און געגעבן אַלע זייערע געברויכן!

ביי די אַלע מצבים איז דאָ איין שאלה: וואָס טוט זיך מיט אמונה?! **בין איך מסכים צו זיין דער ערשטער וואָס איז מוותר און גלייבן אַז דער אויבערשטער גייט מיך נישט שולדיג בלייבן?! דאָס הייסט אמונה!** און ווען אַ איד גיט אמונה דעמאָלט גיט אים דער אויבערשטער צוריק אַלעס גוטס. אָבער **דו דאַרפסט זיין דער ערשטער וואָס גיט אויף!** אַז נישט איז דאָס נישט קיין אמונה, נאר א 'משא ומתן'... **מיר 'האַנדלען' נישט מיט'ן אויבערשטן, מיר האָבן 'אמונה' אינעם אויבערשטן!**

ג

# הנה עין ה' אל יראיו המיחלים לחסדו; די אויסטערלישע 'שמירה' וואָס אַ 'שומר עינים' איז זוכה דערצו

## מעין עולם הבא; דורך די אויגן באַקומט מען עולם הבא

ס'איז דאָ אַ שטיקעלע אין ספה"ק **תפארת שלמה** (לשב"ק) וואו ער טייטשט די ווערטער "מעין עולם הבא" אַז 'מעין' דורך די 'אויגן', אַזוי איז מען זוכה צו עולם הבא. ווייל די עיקר עבודה פון קדושה איז ווען מען גיט זיך אַכט אויף די אויגן! ער ברענגט דאָרט דעם באַקאַנטן טייטש, וואָס שטייט אויך אין אַנדערע ספרים הק', אויפ'ן פסוק "**אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה הִוא בָעֵינַיִם**", אַז די עיקר קדושה פון אַ איד ווענדט זיך וויפיל מען היט זיך אָפּ די אויגן!

דער תפארת שלמה איז מפרש דעם פסוק "**יִצְּרֶנְהוּ כְּאִישׁוֹן עֵינוֹ**" - 'יצרנהו' איז טייטש אַז דער רבוש"ע גיט אַ 'שמירה'. וויפיל שמירה דאַרף אַ מענטש האָבן פון הימל?! וויפיל פאַרוויטאָגטע מעשיות איז דאָ פון מענטשן וואָס האָבן אויף איין סעקונדע נישט געהאַט קיין שמירה און סייעתא דשמיא, וואָס דאָס האָט זיי געקאָסט צער און עגמת נפש אָן קיין שיעור.

זאָגט דער פסוק: '**יצרנהו**', **ווייסטו וויפיל שמירה דו וועסט באַקומען פון דעם אויבערשטן?! 'כאישון עינו' - לויט וויפיל דו גיסט אַכט אויף דיינע אויגן, אַזויפיל שמירה באַקומסטו!**

## ווען אַ איד קוקט אַרויף צום אויבערשטן, קוקט דער אויבערשטער אַראָפּ צו אים

אָט דער יסוד פון דעם 'תפארת שלמה' איז נישט בלויז נאָך אַ סגולה, וואָס מ'קען טראַכטן אַז ס'איז אויך דאָ אַנדערע סגולות... נאר דאָס איז אַ חלק פון דעם 'סדר הבריאה', ווי מיר ווייסן אַז די גאַנצע בריאה איז אויסגעשטעלט אויף דעם מהלך פון '**ה' צלך**' - לויט וויאַזוי דער מענטש פירט זיך, אַזוי פירט מען זיך מיט אים פון הימל.

דאָס שטייט שוין אין של"ה הק', און נאָך פריער אין מדרש, אַז **די 'עינים' פון דעם מענטש איז אויסגעשטעלט כביכול קעגן די 'עיני השם'**. אודאי איז דאָס נישט קיין גשמיות'דיגע עיני ה', אָבער אַזוי ווערט אָנגערופן די הנהגה און די שמירה פונעם אויבערשטן. ווען די אויגן פון אַ איד קוקן אויף אַרויף, דעמאָלט קוקן די עיני ה' אַראָפּ אים צו היטן און געבן אַלעס גוטס!

**ווען אַ איד היט זיך אָפּ די אויגן, האָט ער יעצט אַ ספּעציעלע 'פּראָטעקציע' ווייל ער ווערט אַגאַנצע צייט באַגלייט מיט די שמירה פון די עיני ה'!**

ווען אַ איד זאָגט: "איך וויל נישט אַז מיינע אויגן זאָלן נעמען חיות פון אַן אַנדערע פּלאַץ וואָס איז ווייט פון השי"ת", **דעמאָלט מאַכט ער אויטאָמאַטיש אַ מורא'דיגע שמירה פאר זיך פון אויבן!** דער מענטש האָט אליינס די בחירה, אויב ער זאָל באַקומט די ספּעציעלע שמירה און השגחה וואָס ער דאַרף אַזוי וויכטיג האָבן. **אַלעס ווענדט זיך אין זיינע אויגן!** אויב קוקט ער אַרויף צום אויבערשטן, קען ער זיין רואיג אַז ער ווערט אָפּגעהיטן מיט אַ שמירה עליונה!

## די גרעסטע מדריגה פון 'מיחלים לחסדו' איז בשעת נסיון

דער פסוק זאָגט "**הִנֵּה עֵין ה' אֶל יְרֵאָיו לַמְיַחֲלִים לְחַסְדּוֹ**". דאָס מיינט נישט בלויז אַ איד וואָס ווען ער געפינט זיך אין אַן 'עת צרה' פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן. דעמאָלט האָט ער דאָך סיווי נישט קיין אַנדערע ברירה. ער ווייסט זייער גוט זיין מצב, און ער איז דאך אַ איד, קוקט ער אודאי אַרויס צום אויבערשטן.

דער פסוק רעדט פון אַ איד אין אונזערע צייטן, **אוי האָט ער אַן אַנדערע ברירה!** אַגאַנצן טאָג האָט ער דעם נסיון! אין איין סעקונדע קען ער אַוועקקוקן פון די עיני ה'. ער דאַרף גאָרנישט טון, ער דאַרף זיך ניטאַמאָל רוקן פון זיין פּלאַץ. אָבער דער איד איז פון די 'עין ה' אל יראיו', ער גייט נישט קוקן! ער גייט זיך נישט אַריינברענגען אין קיין נסיון, ווייל זיינע אויגן קוקן בלויז אויף די השפעה פון די עיני ה'.

**דאָס ברענגט דאך אַזאַ קדושה אויפ'ן מענטש, וואָס מען קען עס גאָרנישט מסביר זיין! עס קומט אַראָפּ אויף אים עמערס פון קדושה!** דער איד האָט אַ 'שמירה' ברוחניות אויף אַ מורא'דיגן אופן!

**אותיות מחכימות** — ספה"ק תפארת שלמה (שבת קודש) ד"ה מעין עולם הבא

יבואר עפ"י מה שכתבתי בפירוש הפסוק (וזאת הברכה לג, כח) וישכון ישראל בטח בדד עין יעקב, כי עיקר העבודות של בנ"י להיות בקדושה הוא בשמירת העין, כמו שכתוב (בראשית לח, כא) איה הקדשה היא בעינים. פירוש, הקדושה היא בעינים.

יצרנהו כאישון עינו, כמו שהאדם שומר את עינו, כן הקב"ה שומרו ומצילו, כמו שכתוב רגלי חסידיו ישמור, וזה ג"כ וישכון בטח בדד עין יעקב, על ידי ששומרים את עיניהם ישכנו בטח בשמירה מעולה, וזה גם כן מעין עוה"ב, פירוש על ידי שמירת העין הוא זוכה להיות בן עוה"ב.